**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט ארויס א מעלדונג באעהרנדיג ניו יארק'ס וויעטנאם וועטעראנען און זייערע פאמיליעס פאר זייער דינסט און מסירות נפש**

***15 צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין גרין, געל און רויט***

***לייענט די פראקלאמאציע [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע]() דעקלערנדיג מערץ 29, 2024 אלס 'וויעטנאם וועטעראנען טאג' אין ניו יארק סטעיט, באעהרנדיג די העלדישקייט און מסירות נפש פון אונזער סטעיט'ס און לאנד'ס וויעטנאם וועטעראנען און אפצייכענענדיג 51 יאר פון דעם טאג ווען די לעצטע אמעריקאנע קאמף טרופן האבן פארלאזט די וויעטנאמע רעפובליק. צענטראלע סטרוקטורן אריבער די סטעיט וועלן באלאכטן ווערן אין די לעכטיגע קאלירן פון די וויעטנאמע דינסט מעדאל, סימבאליזירנדיג די העלדישקייט פון די וועלכע האבן געדינט דורכאויס די היסטארישע תקופה. די גרינע, געלע און רויטע פארבן שפיגלען אפ די קוראזשפולע סאלדאטן וואס האבן געדינט אויפן שטח אין וויעטנאם, קאמבאדיע, לאַאס, טאילאנד אדער אין די ארומיגע וואסערן און לופט רוים.

"וויעטנאמע וועטעראנען זענען אויסגעצייכנטע ביישפילן פון קוראזש און זעלבסטלאזיגקייט, און עס איז וועזנטליך אז מיר זאלן אנערקענען און באעהרן זייערע ביישטייערונגען צו אונזער לאנד", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר באלייכטן אונזערע צענטראלע סטרוקטורן אין זייער עהרע, טוהען מיר אויסדרוקן אונזער טיפסטע הכרת הטוב און רעספעקט פאר זייער דינסט."

**קאמישאנער וויוויאנא דעקאָוהען פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס האט געזאגט,** "אונזערע וויעטנאם וועטעראנען קומען זיך שוין פון לאנג די אנערקענונג און דאנקבארקייט וואס מיר זענען זיי שולדיג. מיט די סימבאלישע אקט, שטרעבן מיר צו זיכער מאכן אז זייער מסירות נפש וועט קיינמאל נישט פארגעסן און אז זייער היסטאריע פון דינסט זעצט פאר צו אינספירירן צוקונפטיגע דורות."

מיט א געשאצטע 198,173 וויעטנאם וועטעראנען וואוינענדיג אין ניו יארק סטעיט, קען זייער אנגייענדע ווירקונג נישט פארלייקנט ווערן. די נעמען פון די 4,119 ניו יארקער וועלכע האבן אוועקגעגעבן זייערע לעבנס דורכאויס דעם קריג זענען איינגעקריצט צוזאמען מיט טויזנטע אנדערע אויף די וויעטנאם דענקמאל וואנט אין וואשינגטאן די סי. די ניו יארק סטעיט וויעטנאם דענקמאל, וואס געפונט זיך אויף די עמפייער סטעיט פלאזא אין אלבאני, דינט אלס א ווייטאגליכע דערמאנונג פון זייער העלדישקייט און מסירות נפש.

די פאלגנדע סטעיט סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין גרין, געל און רויט היינט נאכט:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייננגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- לעיק פלעסיד אלימפישע צענטער
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפּאָרט ליפט בריק העכער די ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

**איבער די דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס**

די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס ( Department of Veterans' Services, DVS) – וואס דינט אלס די סטעיט'ס שתדלנות אגענטור פאר וועטעראנען, סאלדאטן און מיליטער פאמיליעס זינט 1945 – האלט זיך צו א פארפליכטונג אריבער די אגענטור צו באדינען אלע וועטעראנען, סאלדאטן און מיליטער פאמיליעס. סערוויסעס רעכענען אריין קלעימס און אפעלירונגען פאר בענעפיטן פון די פאראייניגטע שטאטן דעפּארטמענט פון וועטעראנען אנגעלעגנהייטן ( Department of Veterans Affairs), אפעלירונגען פאר די טיטל נאכן באפרייט ווערן צו די פאראייניגטע שטאטן פארטיידיגונג דעפּארטמענט (Department of Defense) און מיט קלעימס פאר ניו יארק סטעיט בענעפיטן. וועטעראנען, סאלדאטן און מיליטער פאמיליעס ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די דעפּארטמענט אויף 888-838-7697 אדער צו באזוכן veterans.ny.gov זיך צו טרעפן מיט א טרענירטער וועטעראנען בענעפיטן אדווייזאר – פנים אל פנים אדער פונדערווייטנס – צו אדרעסירן זייערע באדערפענישן און צו באקומען די פולשטענדיגע סומע פון בענעפיטן וואס קומט זיך זיי. פּאַלאָוט די DVS אויף [Facebook](), [Instagram]() און [X (וואו פלעגט הייסן Twitter)]().

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov]()
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov]() | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup]() | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()